d06b620

„O R T“
Towarzystwo Szerzenia Pracy
Zawodowej i Rolnej
wśród Żydów.

ZARZĄD GŁÓWNY:
Warszawa, Żabia 9 — Telef. 286-64.
Adres dla depesz: „ORT“, Warszawa.

„אָרט“
געזעלשאפט צו פארשפרייטן
מלאכה און ערד-ארבעט צווישן יידן.
צענטראַל קאָמיטעט
ווארשע, זשאביע 9 — טעלעפאן 286-64
אדרעס פאר טעלעגר.: „O R T“, Warszawa

№ 1815

Warszawa, 29/6 1926 ווארשע,

Eing.: 3662 .. 26
Bearb.

הערן ד"ר. א. סינגאלאווסקי

אין בערלין

חשובער פריינט!

מיר האבן באקומען אייער דעפעש פונם 28-טן ד.ח. מיט דער ביטע צושיקן אייך א נאטיץ וועגן די ניי-געגרינדעטע לאנדווירטשאפטלעכע קאאפעראטיוון. פון אייער דעפעש קאנען מיר נישט וויסן, צו וועלכן צוועק דארפט איר די דאזיקע נאטיץ האבן, וועלן מיר אייך דעריבער מיטיילן די ידיעות, וועלכע זיינען דא וועגן דער פראגע און וועלכע אינטערעסירן אייך.

די ערפארונג מיט די 4 יידישע לאנדווירטשאפטלעכע קאאפעראטיוון, וועלכע מיר האבן אין משך פון די לעצטע 1-1/2 יאר געגרינדעט אין בריסק, גראדנע, אסאווע און אינגאטאווקע, האט באוויזן, אז די דאזיקע אינסטיטוציעס זיינען לעבנס-פעהיק און קאנען אויסגעוואקסן ווערן אלס א גוטער געזעלשאפטלעכער אפאראט, כדי צו דערהויבן די ווירטשאפט פון די יידישע ערד-ארבעטער און גערטנער. דאס האט אונז באוויזן צו גרינדן נייע לאנדווירטשאפטלעכע קאאפעראטיוון אין די גרעסערע יידישע לאנדווירטשאפטלעכע ישובים.

אין משך פון די לעצטע 2 חדשים זיינען געגרינדעט געווארן פון אונז נאך פאלגענדיקע קאאפעראטיוון:

ב) דער יידישער גערטנערער קאאפעראטיוו אין ווארשע. ארום ווארשע און אין דער נעכסטער אומגעבונג לעבן 50 — 60 יידישע פאמיליעס, וועלכע ערנערן זיך פון לאנדווירטשאפט און הויפטזעכלעך פון גערטנעריי. זיי באארבעטן טיילווייז אייגענע אבער מערסטנטייל ארענדירטע ערד און פארקויפן זייערע פראדוקטן אין ווארשע, בכלל איז די לאגע פון די דערמאנטע יידישע גערטנערער נישט קיין שלעכטע. זייער באשעפטיגונג גיט זיי די מעגלעכקייט צו לעבן פון זייער פראצי און צו ערציען זייערע קינדער. אבער די קרעדיט-פראגע איז ביי זיי זייער א אנ-

„O R T“
Towarzystwo Szerzenia Pracy
Zawodowej i Rolnej
wśród Żydów.

ZARZĄD GŁÓWNY:
Warszawa, Żabia 9—Telef. 286-64.

Adres dla depesz: „ORT“, Warszawa.

№..................

Warszawa, .................... 192...... ווארשע,

„ארט“
געזעלשאפט צו פארשפרייטן
מלאכה און ערד-ארבעט צווישן יידן.

צענטראל קאָמיטעט
ווארשע, זשאביע 9 — טעלעפאן 286-64

אדרעס פאר טעלעגר.: „O R T“, Warszawa



געוויטיקטע. אין די פרילינגס און די זומער-מאנאטן, איידער זיי נעמען אראפ דאס גרינס פונם גארטן, זיינען זיי אויף אזוי פיל געענגט אין געלט, אז דער גרעסטער טייל פון זיי צאלט צו 20% ביז 25% צינזן מאנאטלעך, און ניט אלע קריגן געלט אפילו אויף אזעלכע הויכע צינזן. מיר האבן זיי ארגאניזירט אין א קאאפעראטיוו, גלייך זיי אויסגעבארגט -.400 דאלאר, און פלאנעווען אויף ווייטער צו ארגאניזירן א קאאפעראטיווע קראם, דורך וועלכער די יידישע לאנדווירטן זאלן קאנען בעסער פאר-קויפן זייערע פראדוקטן, אויסמיידנדיק פארשיידענע פארמיטלער, וועלכע פארדינען אויף זייערע פראדוקטן פון 20% ביז 30%. אויף וויפל די ווארשעווער גערטנירער ווייסן צו שעצן די הילף, וועלכע „ארט“ האט זיי געגעבן, קאנט איר זעען פון דעם ביגעלעגטן עפנטלעכן דאנק, וועלכן זיי האבן געלאזט אפדרוקן אין איינעם פון די היגע צייטונגען.

2) <u>דער לאנדווירטשאפטלעכער קאאפעראטיוו אין קליין-סעלישטש (וואָ-לין)</u>. דער דאזיקער קאאפעראטיוו איז געגרינדעט געווארן פון אונז אין סוף פון פאריגן חודש, ער וועט באדינען אריבער 100 יידישע פאמיליעס, וועלכע באשעפטיקן זיך מיט לאנדווירטשאפט אין דער דערמאנטער יידישער קאלאניע. ה. עפשטיין, וועלכער האט די טעג באזוכט קליין-סעלישטש שרייבט אונז, אז „גראדע אין דער קאלאָניע קליין-סעלישטש איז פאראן א פלאץ פאר א ברייטער ארבעט פארן ניי-געגרינדעטן קאאפעראטיוו. איינציגע לאנדווירטן, די מער באוווסטזיניקע, פארנעמען זיך דא מיט דער קולטור פון ~~אפן~~ הופּן און מיט ערפאלג, די איבעריקע יידישע לאנדווירטן זיינען זיך אין זיי מתקנא און זיי ווילן זיך אויך נעמען צו האפן-קולטור. דער באדן און די באדינגונגען דערצו זיינען דא גינסטיקע. דער ניי-געגרינדעטער קאאפעראטיוו וועט פיל קאנען אויפטון אין דעם דאזיקן פרט.“ מיר האבן לעת-עתה ארויסגעגעבן דעם דאזיקן קאאפעראטיוו אַ הלוואה פון -.300 דאלאר.

3) <u>דער לאנדווירטשאפטלעכער קאאפעראטיוו אין פינסק</u>. דער דאָ-

„O R T“
Towarzystwo Szerzenia Pracy Zawodowej i Rolnej wśród Żydów.

**ZARZĄD GŁÓWNY:**
Warszawa, Żabia 9 — Telef. 286-64.

Adres dla depesz: „ORT“, Warszawa.

№..................

Warszawa, ..................192...... ,ווארשע

„אָרט“
געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן מלאכה און ערד-אַרבעט צווישן יידן.

צענטראַל קאָמיטעט
ווארשע, זשאביע 9 — טעלעפאָן 286-64

אדרעס פאר טעלעגר.: „O R T“. Warszawa



זיקער קאָאָפּעראַטיוו איז געגרינדעט געוואָרן צוריק מיט 10 טעג. ער דאַרף באַדינען די ייִדישע גערטנירער פון פּינסק און די ייִדישע ערד-אַרבעטער פון דער קאָלאָניע איוואַניקי, וואָס ליגט ניט ווייט פון פּינסק. די איוואַניקער קאָלאָניסטן האָבן געוואָלט גרינדן אַ באַזונדער קאָאָפּעראַטיוו, צוליב דעם, וואָס זיי האָבן מורא געהאַט, אַז דער פּינסקער קאָאָפּעראַטיוו וועט זיי נישט באַדינען, ווי געהעריק. מיר האָבן אָבער געפונען פאַר צוועקמעסיק, אַז ס'זאָל (געגרינדעט ווערן איין שטאַרקער קאָאָפּעראַטיוו אַנשטאָט 2 שוואַכע. דער דאָזיקער קאָאָפּעראַטיוו דאַרף אַרומנעמען אַן ערך 150 לאַנדווירטשאַפטלעכע פאַמיליעס. מיר האָבן באַשטימט פאַר דעם דאָזיקן קאָאָפּעראַטיוו - 400 דאָלאַר. אויף וויפל די אָרטיקע לאַנדווירטן זיינען צופרידן מיטן קאָאָפּעראַטיוו, קאָנט איר זעען פון דער ביי געלעגטער קאָפּיע פון אַ בריוו פון פּינסקער גערטנירער א. סאַמורין צו ד״ר. מ. זילבערפאַרב.

אין די נעכסטע וואָכן שטייט פאַר צו גרינדן לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָאָפּעראַטיוון נאָך אין פאָלגענדע פּונקטן:

א) <u>אין רוזשאַנאַי (גראָדנער גובערניע)</u> פאַר די לאַנדווירטן פון די ייִדישע קאָלאָניעס פּאַוולאָווא און קאָנסטאַנטינאָווא - אַן ערך 100 פאַמיליעס.

ב) <u>אין ראַפּאַלאָווקע (וואָלין)</u> פאַר די ~~ע~~ ייִדישע ערד-אַרבעטער פון ראַפּאַלאָווקע גופא און פון די נעבן-ליגנדע קאָלאָניעס אַליזאַראָווקע און זשעלודסק צוזאַמען 150 פאַמיליעס.

ג) <u>אין אַנטאָפּאָל (נעבן בריסק)</u>, וואו 60 ייִדישע פאַמיליעס לעבן פון גערטנעריי, זיי פאַרנעמען זיך אויסשליסלעך מיט זייען און זייערן אוגערקעס. דער פּראָיעקטירטער קאָאָפּעראַטיוו דאַרף זיי געבן די מעגלעכקייט צו פאַרגרעסערן און פאַרבעסערן זייער פּראָדוקציע.

ד) <u>אין דער קאָלאָניע דובענאָווע (נעבן ווילנע)</u> אין דער דאָזיקער קאָלאָניע זיינען פאַראַן 70 פאַמיליעס, פון וועלכע 50 פאַרנעמען זיך אויסשליסלעך

„O R T“
Towarzystwo Szerzenia Pracy
Zawodowej i Rolnej
wśród Żydów.

**ZARZĄD GŁÓWNY:**
Warszawa, Żabia 9—Telef. 286-64.

Adres dla depesz: „ORT“, Warszawa.

№..................

Warszawa,...................192.......,וואַרשע.

„אָרט“
געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן
מלאכה און ערד-אַרבעט צווישן יידן.

צענטראַל קאָמיטעט
וואַרשע, זשאַביע 9 — טעלעפאָן 286-64

אדרעס פאַר טעלעגר.: „O R T“. Warszawa



מיט מילך-ווירטשאפט. זיי האבן העכער 100 קי און ווילן ארגאניזירן אויף קאָא-פעראטיווע יסודות א קעז-ווירטשאפט.

ה) ו) ז). עס זאלן נאך געגרינדעט ווערן לאנדווירטשאפטלעכע קאָאפעראטיוון אין לידע, טערעספאל, קאלאניע איסאקאווא א.א. די גרינדונג פון די אלע אנגעמערקטע קאָאפעראטיוון וועט אפהענגען פון אונזערע פינאנציעלע מעג-לעכקייטן. וואס מער סומען מיר וועלן האבן אין אונזער רשות, כדי צו קאָנען קרע-דיטירן די ניי-געגרינדעטע לאנדווירטשאפטלעכע קאָאפעראטיוון, אלץ ברייטער וועלן מיר קאָנען פארשפרייטן די נעץ פון יידישע לאנדווירטשאפטלעכע קאָאפעראטיווע אין פוילן.

מיט דרך-ארץ און גרוס

[signature]

פ.ס. ביגעלעגט אויסצוגן פון בריוו ה ז.גארין וועגן דער טעטיקייט
פון די קאָאפעראטיוון אין גראָדנע, אסאווא און איגנאטאווקע .

ז/ג.